**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/23/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באנקירונג אנווייזונג צו פארגרינגערן פינאנציעלע לאסט אויף די וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך הארריקאן פיאָונע**

***בענק ווערן געמוטיגט צו אונטערנעמען שריט צו שטיצן מענטשן און ביזנעסער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך הארריקאן פיאָונע, אריינרעכענענדיג מוותר זיין אויף ATM צוצאלונגען, פארשנעלערן געלט טראנספערס און מוותר זיין אויף צוצאלונגען פאר שפעטע באצאלונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נייע שריט צו איינשפאנען ניו יארק'ס פינאנציעלע סערוויסעס אינדוסטריע צו שטיצן איינוואוינער פון פארטא ריקא נאכפאלגנדיג הארריקאן פיאָונע. די דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס (Department of Financial Services) האט ארויסגעגעבן אנווייזונגען רופנדיג אויף ניו יארק סטעיט-רעגולירטע בענק צו אונטערנעמען אלע מעגליכע שריט צו העלפן מענטשן און ביזנעסער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די הארריקאן, אריינרעכענענדיג דורכן מוותר זיין אויף ATM און שפעטע-באצאלונג צוצאלונגען, העכערן די מאקסימום וויפיל מענשטן קענען ארויסנעמען פון אן ATM און פארגרינגערן און פארשנעלערן טראנספערס פון געלט. די שריט וועלן העלפן פארגרינגערן די פינאנציעלע לאסט אויף אזוי פיל ניו יארקער וועלכע זוכן צו שטיצן פאמיליע און פריינט אין פארטא ריקא, און אזוי אויך סיי ווער אין פארטא ריקא וואס האט ניו יארקע באנק אקאונטס.

"אזוי ווי זיי בויען זיך צוריק אויף פון די חורבנות וועלכע זענען אנגעזייעט געווארן דורך הארריקאן פיאָונע, איז פארטא ריקא אין קריטישע נויט פאר א ברייטע רייע פון הילפס-מיטלען און הילף וואס ניו יארק איז גרייט צו צושטעלן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר וועלן טוהן אלעס אין אונזער מעגליכקייט צו העלפן אונזערע שוועסטער און ברידער אויף די פארטא ריקאנע אינזל דורכאויס די צייט פון נויט, און די שריט וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן שטעלן צו נאך פינאנציעלע הילף און שטיצע פון ניו יארק זיי צו העלפן אויף זייער וועג צו ערהוילונג."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס סופעראינטענדענט, עידריען א. העריס, האט געזאגט,** "די שריט וועלכע זענען היינט אונטערגענומען געווארן וועלן פארזיכערן אז בענק וועלכע טוהען ביזנעס אויף די אינזל זאלן אונטערנעמען שריט ווי ווייט זיי קענען צו ברענגען קריטישע שטיצע פאר די מענטשן און ביזנעסער פון פארטא ריקא אזוי ווי זיי הויבן אן מיט באמיאונגען זיך צו ערהוילן פון די שרעקליכע נאטורליכע קאטאסטראפע."

אין אנווייזונגען פאר די בענק היינט, האט פינאנציעלע סערוויסעס סופעראינטענדענט העריס פארלאנגט אז אלע מעגליכע און קלוגע באמיאונגען זאלן אונטערגענומען ווערן צו העלפן קליענטן וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך די הארריקאנען, און זי האט געמוטיגט באמיאונגען וועלכע רעכענען אריין די פאלגנדע:

- מוותר זיין אויף ATM צוצאלונגען;

- מוותר זיין אויף אָווערדרעפט צוצאלונגען;
- פארגרינגערן באגרעניצונגען אויפן ארויסקעשן טשעקס פון אינדרויסן פון די סטעיט און פאר מענטשן וועלכע זענען נישט קליענטן פון די באנק;
- פארגרינגערן קרעדיט באדינגונגען פאר נייע הלוואות;
- העכערן קרעדיט קארד לימיטס פאר באגלויבליכע קליענטן;
- מוותר זיין אויף שפעטע-באצאלונג צוצאלונגען פאר קרעדיט קארדס און אנדערע הלוואות;
- צושטעלן באצאלונג אקאמאדאציעס, ווי צום ביישפיל ערלויבן קליענטן וועלכע האבן הלוואות צו אפשטופן אדער אויסלאזן עטליכע באצאלונגען אדער פארלענגערן די דאטומען ווען די באצאלונגען דארפן געמאכט ווערן — וואס וועט פארמיידן 'דילינקווענסי' און נעגאטיווע קרעדיט אגענטור באריכטונג פאראורזאכט דורך קאטאסטראפע-פארבינדענע שטערונגען; און
- ארבעטן צוזאמען מיט פירמעס וועלכע טראנספערירן געלט און אנדערע געלט סערוויסעס ביזנעסער צו פארגרינגערן און פארשנעלערן געלט טראנספערס און סופליי פון קעש פאר די וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך האריקאן פיאָונע.

א קאפיע פון די אנווייזונגען פאר די בענק איז פארעפנטליכט דא.

זינט האריקאן מאריא האט ניו יארק געהאלפן פארטא ריקא פארזיכערן ביליאנען דאלארן אין פעדעראלע געלטער פון FEMA צו ערהוילן און צוריק אויפבויען די אינזל'ס ענערגיע אינפראסטרוקטור, אין צוגאב צו די NYPA דורכפירנדיג טעכנישע אפשאצונגען פון טרייב-קראפט פלענטס און סאב-סטאנציעס אויף די אינזל. נאכפאלגנדיג האריקאן פיאָונע, די שווערסטע שטורעם צו באטרעפן די אינזל זינט האריקאן מאריא, האט גאווערנער האקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט שריט צו ארויסהעלפן פארטא ריקא מיט רעטונג באמיאונגען. די באמיאונגען האבן נאך מער פארשטערקערט ניו יארק'ס לאנגיאריגע איבערגעגעבנקייט צו העלפן פארטא ריקא מיט איר צוריקבויען און ערהוילונג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418